**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט עפענונג פון רעגיסטראציע פאר דרייצנטע יערליכע 'ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען' צוזאמקום**

***פארום פייערט 35 יאר פון באפולמעכטיגן MWBE'ס אין ניו יארק סטעיט***

***פראגראם'ס קאנצעפט – "פאראויס שטופן אונזערע MWBE'ס" – קאנצענטרירט זיך אויף דאס אויפבויען אויף א לאנגיאריגע רעפוטאציע פון גערעכטיגקייט און אויסגעצייכנטקייט אין ניו יארק סטעיט***

***יערליכע צוזאמקום העלפט MWBE'ס אויסנוצן ניו יארק סטעיט מיטלען***

***רעגיסטרירט אייך פאר דעם נאוועמבער 14 פראגראם [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די דרייצנטע יערליכע צוזאמקום פאר ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ( Minority- and Women-Owned Business Enterprise, MWBE) וועט אפגעהאלטן ווערן דינסטאג, נאוועמבער 14 ביי די Albany Capital Center. די היי-יאריגע צוזאמקום פייערט 35 יאר פון דעם MWBE פראגראם אין ניו יארק סטעיט, מיט די קאנצעפט "פאראויס שטופן אונזערע MWBE'ס: ארויפבויענדיג אויף א רעפוטאציע פון גערעכטיגקייט און אויסגעצייכנטקייט אין ניו יארק סטעיט" ( Championing Our MWBEs: Building on a Legacy of Equity and Excellence in New York State). דורך נעטווארקינג געלעגנהייטן, שותפות-אויפבויאונג און א רייכטום פון אינדוסטריע מבינות, וועט דער היי-יאריגער קאלירפולער איין-טאגיגער פראגראם אויסשטאטן MWBE'ס מיט די וויכטיגע כלים צו קענען וואקסן און בליהען אין די היינטיגע ביזנעס וועלט. לערנט מער איבער די צוזאמקום און רעגיסטרירט אייך [דא](#).

"ניו יארק'ס מהפכות'דיגער MWBE פראגראם זעצט פאר צו עלימינירן שטרויכלונגען און צו עפענען געלעגנהייטן פאר טויזנטע MWBE'ס אין אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאר 13 יאר האט אונזער יערליכע MWBE צוזאמקום געדינט אלס א וויכטיגע צוזאמקום פלאץ צו פארבינדן ניו יארקע ביזנעסער מיט וויכטיגע מיטלען און סערוויסעס, און איך מוטיג ביזנעס אייגנטימער פון אריבער אונזער גאנצע סטעיט זיך צו אנשליסן מיט אונז פאר די היי-יאריגע צוזאמקום."

די 2023 צוזאמקום וועט אפפערן פאר די באטייליגטע א רייכטום פון געלעגנהייטן צו נעטווארקן, לערנען און בויען שותפות'ן צו מאכן זייערע ביזנעסער וואקסן. נעטווארקינג אין די אויסשטעלונג זאל שטופט צו אויפבויען קשרים צווישן סערטיפייד MWBE'ס, ניו יארק סטעיט אגענטורן, די ערשטע קאנטראקטארס און פריוואטע פירמעס. לעקציעס דורך מבינים וועלן רעדן איבער סטראטעגיעס און רעקאמענדירטע סטאנדארטן אין קריטישע הינזיכטן, ווי צום ביישפיל וויאזוי צו מאכן אן ערפאלגרייכע פארשלאג צו געווינען א קאנטראקט, ארייננגיין אין ריזיגע פראיעקטן אלס א קליינע ביזנעס, צוקומען צו פינאנצירונג

געלטער און גרענטס און וויאזוי צו דורכפירן סטעיט קאנטראקטן נאכן געווינען די קאנטראקט. אין פייערונג פון די 35'סטע יארטאג פון ניו יארק'ס פיאנירנדן MWBE פראגראם, וועט די צוזאמקום אויך אריינרעכענען אן 'MWBE טשעמפיאנען באעהרונגען מיטאג' וואו באעהרונגען וועלן געגעבן ווערן פאר סערטיפייד MWBE'ס, רעגירונג שותפים און פאר שתדלנים וועלכע האבן ארויסגעוויזן מערקווירדיגע איבערגעגעבנקייט און עררייכונגען ביים שטופן פאר פארשידנארטיגקייט אין ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע.

**טשיעף דייווערסיטי אפיסער דזשוּליסע גוֹטיערעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו שטופן פאר גלעלעגנהייטן, אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס און אננעמען די פארשידנארטיגקייט וואס מאכט אונז שטארק. אזוי ווי מיר צייכענען אפ 35 יאר פון דעם MWBE פראגראם, גייט אונזער מיסיע ווייטער אן — צו שטיצן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ביים אנקומען צו נייע הויכן. די יערליכע MWBE צוזאמקום בויט אויף וועגן צו בליהען דורכן מקשר זיין אונזערע טאלאנטפולע און מאטיוויזירטע MWBE'ס מיט אומשאצבארע סטעיט מיטלען און קאנטראקטן. דער פראגראם וועט העלפן ביזנעס אייגנטימער אריבער ניו יארק צו מצליח זיין, בליהען און ווערן אונטערהאלטנדע זיילן פון אונזער עקאנאמיע און קאמיוניטיס."

די 2023 צוזאמקום באצייכנט אויך א היסטארישע דערגרייכונג — די 35'סטע יארטאג פון ניו יארק סטעיט'ס פינארינדער ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען פראגראם. אוועקגעשטעלט אין 1988, האט דער MWBE פראגראם געדינט אלס א מוסטער פארן גאנצן לאנד וויאזוי צו אויסברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייט און שטיצן די וואוקס פון פארשידנארטיגע ביזנעסער. איבער די פארגאנגענע פינף און דרייסיג יאר האט ניו יארק סטעיט באפולמעכטיגט MWBE'ס מיט די סקילס, מיטלען און קשרים זיי צו העלפן מצליח זיין. די רעזולטאט דערפון איז געווען ביליאנען דאלארן אין קאנטראקט געלעגנהייטן פאר סערטיפייד MWBE'ס און צאללאזע ארבעטסקראפט און קאמיוניטי בענעפיטן.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס פיאנירנדן MWBE פראגראם צייכנט אפ א היסטארישע 35-יעריגע רעפוטאציע פון באפולמעכטיגן ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען אלס טרייב-קרעפטן פון עקאנאמישע וואוקס און מאטארן פון געלעגנהייט. אזוי ווי מיר פייערן די באדייטפולע יארטאג, וועט די צוזאמקום אויסשטאטן פארשידנארטיגע ביזנעסער מיט מבינות איבער וויאזוי צו באקומען סטעיט קאנטראקטן און מיטלען צו וואקסן און זיך אנטוויקלען. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן צו שטיין אין שפיץ פונעם קאמף צו עלימינירן שטרויכלונגען און פלעגן א גערעכטע עקאנאמיע וואו MWBE'ס קענען פולשטענדיג פארווירקליכן זייערע מעגליכקייטן."

**דיוויזיע פון אנטוויקלונג פון ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ( Division of Minority-and Women-Owned Business Enterprise Development) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דזשעיסאן מיילס קלארק, האט געזאגט,** "היי יאר באצייכנט אן אמת'ע דערגרייכונג אזוי ווי מיר פייערן 35 יאר פון ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדן MWBE פראגראם. איבער די פארגאנגענע דרייסיג יאר, האבן מיר געמאכט באדייטנדע פארשריט מיטן גיבן מער עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר MWBE ביזנעסער אריבער ניו יארק סטעיט. אזוי ווי מיר עפענען די רעגיסטראציע פאר די 2023 MWBE צוזאמקום, באנייען מיר אונזער פארפליכטונג צו טרייבן פאר וואוקס, ערפינדונג און בליה פאר פארשידנארטיגע ביזנעסער פאר די קומענדיגע 35 יאר און ווייטער."

פלאנירטע לעקציעס ביי די 2023 MWBE צוזאמקום רעכענען אריין:

<u>**פארזיכערן די זעקל: זיך פארמעסטן פאר קאנטראקטן מיט אן ערפאלגרייכע פארשלאג און אנטווארט צו RFP'ס**</u>

די ווארקשאפ און פאנעל וועט זיך קאנצענטרירן אויף וויאזוי MWBE'o קענען צוזאמשטעלן און ארייינגעבן ערפאלגרייכע פארשלאגן און אנטווארטן צו איינלאדענונגען פאר פארשלאגן ( requests for proposal, RFP) וואס די רעגירונג גיבט ארויס — צו ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן. די פרעזענטירער וועלן מיטטיילן עצות און הדרכה איבער וויאזוי צו פארגרעסערן די טשאנסן פון די MWBE. MWBE'o וועלן אויך הערן דירעקט פון אנדערע קליינע ביזנעסער איבער זייער ערפארונג און עצות וויאזוי צו געווינען קאנטראקטן.

**<u>כאפט זיך אריין ווי נאר איר קענט: אריינשטעלן א פוס אין די טיר פאר ריזיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן</u>**
ביזנעסער וועלן הערן פון עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט פירער פון אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט איבער וויאזוי זיך צו אוועקשטעלן אין א פאזיציע זיך צו קענען פארמעסטן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן וועלכע קענען אויסקוקן צו גרויס פאר זיי. די שמועס וועט אויך ארייינרעכענען וויאזוי ביזנעס עלעמענטן און באדערפענישן האבן זיך געטוישט נאך די פאנדעמיע און וויאזוי ביזנעסער קענען זיך צופאסן כדי זיך צו אוועקשטעלן אין א פאזיציע צו קענען מצליח זיין אין די פראיעקטן.

**<u>טרעפן אייער וועג צו פינאנצירונג געלטער: באשטימען וועלכע סארט געמיש פון פינאנצירונג מקורות איז דאס בעסטע פאר אייער ביזנעס</u>**
פאר MWBE'o קען צומאל זיין באזונדערס שווער צו באקומען פינאנצירונג געלטער, באזונדערס אין די היינטיגע עקאנאמישע קלימאט. די פאנעל וועט זיך קאנצענטרירן איבער וויאזוי צו ווערן קוואליפיצירט פאר הלוואות, גרענטס און אלטערנאטיווע מקורות פון פינאנצירונג געלטער.

**<u>MWBE'o מאפע צו הצלחה מיט סטעיט קאנטראקטן</u>**
זיך פארמעסטן פאר- און געווינען א סטעיט קאנטראקט איז א גרויסע עררייכונג, אבער זיין באקאנט מיט די פראטאקאלן פארן אויספאלגן רעגולאציעס, די פארלאנגטע פאפירן און די צייט טערמינען און באצאלונג פראצעדור זענען קריטיש פאר הצלחה. די ווארקשאפ וועט גיבן פאר MWBE'o הדרכה און מבינות פון פארשטייער פון ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן איבער וויאזוי זיך צו באגיין מיט א קאנטראקט נאכן עס געווינען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()